# סצענע 14 ב'
# Escena 14 B

## חתונה - נסיעה
## Viaje de bodas

רייזל - עעע, מממ, נו ?
מאָטל - נו ?
רייזל - נו ? נו ?
מאָטל - נו רייזעלע... מיר קענען רעדן פֿרײַ... די משפּחה איז אין קיך..
רייזל - יאָ, יאָ מאָטל, לאָמיר רעדן וועגן אונדזער חתונה-נסיעה... אונדזער חתונה נסיעה מאָטל ! קענסט עס גלייבן ?
מאָטל - דעם אמת... איך קען נישט גלייבן אַז אין אַזאַ קורצער צײַט, האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַזאַ שיינער, אינטעליגענטער מיידל, וואָס קאָכט אַזעלכע געשמאַקע ייִדישע מאכלים און אָט, אָט, אָט, וועלן מיר חותונה האָבן !
רייזל - און אַוועקפֿאָרן צוזאַמען, דו און איך...
מאָטל - ווי געפֿעלן דיר די אַלע ערטער וואָס זיי האָבן געזאָגט ? עס געפֿעלט דיר עפּעס ?
רייזל - דעם אמת געזאָגט, מאָטל, וויל איך באַזוכן אַ לאַנד ווו מע קען אַלצדינג טאָן... פֿאָרן סײַ מיט אַ ביציקלעט, אַן אויטאָבוס, אַ שיף, סײַ מיט אַן אַעראָפּלאַן. ווו עס זײַנען דאָ בערג און טאָלן, ים און שניי, פֿאַרווײַלונג און קולטור...
מאָטל - אַלצדינג אין איין לאַנד ?
רייזל - יאָ, יאָ, מאָטל, אַלץ אין איין לאַנד, אין ישׂראל, די ייִדישע מדינה !
מאָטל - רייזעלע, דו ביסט טאַקע גערעכט, אין ישׂראל קענען מיר באַזוכן די חורבות אין קיסריה, דאַווענען בײַם כּותל אין ירושלים, און דאָרטן באַזוכן די כּנסת, דעם מוזיי יד ושם, דעם ישׂראל מוזיי...
רייזל - אין מאה -שערים קענען מיר קויפֿן מזוזות, טליתים און יאַרמלקעס... און נאָך דעם עסן פֿאַלאַפֿעל אין "מאָשיקאָ".

מאָטל - מיר קענען באַזוכן אַזוי פֿיל היסטאָרישע און אינטערעסאַנטע ערטער.

רייזל - אין תּל-אבֿיב קענען מיר גיין אײַנקויפֿן אין די געשעפֿטן, באַזוכן דער מוזיי "בית התפוצות", גיין אין קינאָ און אין טעאַטער.

מאָטל - מיר קענען הערן אַ פּאָר קאָנצערטן פֿון קלאַסישער מוזיק...

רייזל - און נעמען אַ ביציקלעט צו שפּאַצירן בײַם ברעג ים און שווימען אויך...

מאָטל - מיר קענען כאַפּן פֿיש אין דעם כּינרת.

רייזל - און באַזוכן מײַנע פֿרײַנד אין קיבוץ עין-גבֿ.
נאָך דעם, גיין אויף סקי אויפֿן באַרג חרמון...

מאָטל - מיר קענען אויך פֿאָרן אין נגבֿ זען ווי די זון גייט אונטער אין מדבר, און באַוווּנדערן דעם געזאַלצענעם ים...

רייזל - אוי מאָטל, מאָטל, ביסט דאָך אַזוי ראָמאַנטיש !

מאָטל - און דו ביסט אַזוי זיס...

רייזל - זאָג מיר מאָטל, דו מיינסט אַז אין ישׂראל וועלן מיר קענען עסן געשמאַקע בלינצעס און אַלערליי קוכנס ?

מאָטל - סאַראַ פֿראַגע ! נישט נאָר בלינצעס און קוכנס נאָר אויך די בעסטע לאָדעס !

רייזל - טאָ וואָס וואַרטן מיר ? ישׂראל האָט אַלץ וואָס מיר ווילן אין אונדזער חתונה-נסיעה.

אַלע- איר האָט זייער גוט באַשלאָסן !